בעזהשי"ת

# דברי חיזוק

## פרשת דברים


**עבודת ישראל** - אין די 'ניין טעג' און אין אלע שווערע מצבים איז באהאלטן אן א שיעור גוטס [עמוד ג]

**בית אהרן** - יעדער איד איז מחוייב דורכצוגיין ירידות, און אויב געדענקט ער דארט דעם אויבערשטן איז ער זוכה צו מאכן געוואלדיגע תיקונים אין אלע עולמות [עמוד ה]

**רביה"ק מסאטמאר** - וויאזוי האט משה רבינו מוסר געזאגט פאר כלל ישראל? [עמוד ז]

**אך פרי תבואה** - דער וועג צו עבודת ה': אמונה און בטחון [עמוד ח]

**בן איש חי** - אין וואספארא זכות זענען אידן בארעכטיגט צו באקומען אלעס גוטס אויף דער וועלט? [עמוד י]

**בן איש חי** - זיך פֿאָרשטעלן כאילו מען איז 'היינט' מקבל די תורה!! [עמוד יא]

**תפארת שלמה** - קיין בית המקדש האבן מיר טאקע נישט, אבער דעם שבת האבן מיר יא!! [עמוד יב]

**תפארת שלמה** - דער כח פון די תורה גייט מיט אונז אפילו אין גלות [עמוד יג]

**באר מים חיים** - אויב דער אויבערשטער וויל, קען מען רואיג בלייבן וואוינען אין מדבר [עמוד יד]

**בן איש חי** - דורך ענוה איז מען זוכה צו חשיבות און גרויסקייט [עמוד טז]

**זאת זכרון** - אז דו ווילסט זיין הייליג וועלן קומען נשמות פון צדיקים דיר צו העלפן [עמוד יז]

**זאת זכרון** - יעדער איד אנטהאלט גאר אסאך [עמוד יח]

**תפארת שלמה** - נאך פאר ס'קומט די צרה איז שוין אנגעשריבן די ישועה [עמוד יט]

**מאור ושמש** - אהבת חברים ברענגט אלע ישועות!! [עמוד כ]

**ערוגות הבושם** - די תורה פארברייטערט זיך אן אויפהער – פונקט ווי א קוואל [עמוד כא]

**חת"ם סופר** - א 'בעל תשובה' איז העכער ווי א צדיק [עמוד כג]

**ספר 'רב לכם'** - דיין תפילה איז חשוב'ער ווי די הייליגסטע קרבנות!! [עמוד כד]

**תפארת שלמה** - תיכף ווען ס'איז נגזר געווארן די גלות איז אויך מיטגעקומען די בשורה אויף די גאולה [עמוד כה]

**אגרא דכלה** - פאר איינער וואס פירט זיך מיט תשובה - איז חודש אב נישט קיין שלעכטער חודש [עמוד כו]

**אך פרי תבואה** - דער אויבערשטער וועט אונז טרייסטן [עמוד כז]

**דרכי האמונה** - דער איינציגסטער וועג צו זיין צופרידן איז זיך צו פרייען מיט די תורה ומצוות!! [עמוד כח]

צו זיך איינשרייבן צו באקומען וועכנטליך די גליון

רופט / טעקסט / אימייל צו מכון דברי חיזוק אויף **845-886-0123**

ווי אויך פאר סיי וועלכע באמערקונגען קענט איר לאזן א מעסידזש אויפן סיסטעם אדער שיקן א אימייל צו

dc8458860123@gmail.com

לזכר ולעילוי נשמת נפש נקי וצדיק ספרא רבא מעתיק ומלבן הקונטרסים

**הרב ר' יוסף זצ"ל ב"ר אברהם שמואל יהודא שליט"א**

**ת.נ.צ.ב.ה.**

## - א -

**אין די 'ניין טעג' און אין אלע שווערע מצבים איז באהאלטן אן א שיעור גוטס**

דער הייליגער קאזשניצער מגיד זי"ע זאגט: יעדעס יאר ליינט מען פרשת דברים אין די ניין טעג, ווייל אין דער פרשה ווערן דערמאנט די אלע פלעצער וואו מיר זענען געגאנגען אין וויסטן מדבר, און דער אויבערשטער איז אלעמאל געווען מיט אונז, און דאס קומט אונז צו לערנען, אז כאטש וואס מיר גייען דורך די נידריגע טעג פון 'בין המצרים' און די ניין טעג, מיט דעם אלעם איז דער אויבערשטער מיט אונז אין יעדן מצב.

דאס איז מרומז אין דעם פסוק (תהילים כג, ג): **"גַּם כִּי אֵלֵךְ בְּגֵיא צַלְמָוֶת לֹא אִירָא רָע"** - אפילו אויב וועל איך גיין אין וויסטע און פארשטויסענע ערטער וואס זענען ווייט פון די קדושה, האב איך פארט נישט מורא פון קיינעם, **"כִּי אַתָּה עִמָּדִי"** - ווייל דו ביסט מיט מיר, און דער הייליגער רבי שמשון פון אסטראפאליע זי"ע ערקלערט, אז די טיפע כוונה פון דעם פסוק איז, אז דער שם 'אתה' באשיצט אויף אונז, און דער הסבר דערפון איז, ווייל ווען א מענטש איז זוכה צו רופן דעם אויבערשטן 'אתה' – 'דו', און ער שרייט צום אויבערשטן אויף זיינע צרות, ברענגט דאס אויף אים אן א שיעור חסד און גוטס, און דאס באשיצט אים פון אלעם שלעכטס.

דער פסוק איז ממשיך: "שִׁבְטְךָ וּמִשְׁעַנְתֶּךָ הֵמָּה יְנַחֲמֻנִי" [-דיין שטעקן און דיין אונטערלאנער טרייסטן מיר], די כוונה דערפון איז, אז אפילו ווען דער אויבערשטער שיקט א 'שטעקן' אויפן מענטש, וואס דאס מיינט, אז ער געבט אים יסורים; ליגט אבער באהאלטן דערין א גוטע כוונה, און דער פסוק ערקלערט וואספארא גוטס ליגט אונטער דעם: "תַּעֲרֹךְ לְפָנַי שֻׁלְחָן נֶגֶד צֹרְרָי" - ווייל צומאל איז דא געוואלדיגע קטרוגים, און אויב דער אויבערשטער וועט אראפשיקן אויף אידן אפענע חסדים, דאן וועלן די חיצונים דאס קענען נעמען פאר זיך חלילה, אין אזא מצב שיקט דער אויבערשטער זיינע חסדים איינגעהילט אין א 'קלייד' פון דינים - אז ס'קוקט אוים ווי יסורים און שלעכטס, און דורכדעם אנטלויפן די חיצונים, און דורכדעם קומט די שפע אָן בלויז פאר די אידן.

קומט אוים, אז דער תכלית פון אלע נידריגע טעג און שווערע מצבים איז, צו ברענגען גרעסערע חסדים און השפעות אויף כלל ישראל, און אויב וויל מען אין די טעג משפיע זיין בני חיי ומזוני פאר אידן, וועט נישט זיין קיין שום אפהאלט, און דער אויבערשטער וועט זיכער צושטימען דערצו, און משפיע זיין אלעם גוטס פאר כלל ישראל[א].

---

[א] וזל"ק (עבודת ישראל, פר' דברים ד"ה כי ה' אלהיך ברכך): כי ה' אלהיך ברכך בכל מעשה ידך ידע לכתך את המדבר הגדול הזה וגו'. הנה הפרשה הזאת קריאתה תמיד בט' ימים שאחר ר"ח אב עד ט' בו ומרמז הפרשה בכמה ענינים להזכיר את אשר עברנו ממקום למקום וה' אלהינו היה עמנו להורות הגם שכשאנו עוברים בין המצרים ומר"ח אב עד ט' כי לא יטוש ה' את עמו ונחלתו וכמו שהוליכנו במדבר בארץ לא עבר איש וה' הולך לפניהם וגו' כן בימים הללו אשר נק' ג"כ מדבר וגיא צלמות וכמ"ש פי' הפסוק גם כי אלך בגיא צלמו' לא אירע רע כי אתה עמדי ונמצא כתוב בכתבי הקדוש מהר"ש מאוסטראפאלי כי שם של את"ה הוא המגין ע"ש פי' הענין כי אתה הוא שם החסד כמו אתה כהן לעולם וכמ"ש רבותי נ"ע כי עיקר החסד מה שאנו זוכים לקרא לבוראנו הגדול והנורא בלשון אתה וכתבנו מזה במ"א וז"פ שבטך

## - ב -

### יעדער איד איז מחוייב דורכצוגיין ידידות, און אויב געדענקט ער דארט דעם אויבערשטן איז ער זוכה צו מאכן געוואלדיגע תיקונים אין אלע עולמות

### אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר דִּבֶּר מֹשֶׁה אֶל כָּל יִשְׂרָאֵל בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן (א, א)

### דאס זענען די מוסר-רייד וואס משה האט גערעדט צו אלע אידן אין 'עבר הירדן'

דער הייליגער בית אהרן זי"ע ערקלערט: ס'איז באקאנט, אז די נשמה פון משה רבינו איז געווארן צעשפרייט אין יעדן דור ביז משיח וועט קומען וואס דאן וועט די וועלט

---

ומשענתך המה ינחמוני פי' גם שבט שלך הוא כמו המשענת והוא לצרכי שלפעמי' כשהחסדים יורדים מלמעלה (למעלה) ואז אפשר שיינקו מהם החיצונים ואויבי ה' לכן צריך להוריד אותם בלבוש גבורה וצמצום ולהראו' כי משלם חסדיו לאיש כמעשהו ומדה במדה ואז יתפרדו כל פועלי און וכבר כתבנו מזה במ"א מעלת הצדקה שצוונו בוראנו ית' כי הוא מגן ומחסה לשפע הקודש שלא תתפשט רק לישראל עמו ע"ש וזה שסיים תערוך לפני שלחן נגד צוררי כי זה עיקר הכוונה שלך במדת הגבורה. דשנת בשמן ראשי כוסי רויה פי' שזה היה כוונתך ראשונה ומחשבתך הקדוש' וצופה ומביט מראשית אחרית וחפצת להיטיב לנו. כוסי רויה כי רוי"ה עולה אר"ך הם החסדים הגדולים דאריך וזה שאמר משה רבינו כאן ידע לכתך את המדבר הגדול הזה כי צפה והביט הכל במחשבה הראשונה בבריאת עולם וענין השיתוף מדת הדין ברחמים נק' הוי"ה אלהי"ם שגימ' יב"ק כי אלהים הוא תקיף ובעל היכולת וצריך למדת הגבורה כמ"ש לעיל להראות לכל כי הוא אלהיך ורוצה בטובתך ואז נפתח אות ם שבסוף שם אלהים ונתארך לאות ך שבסוף אלהיך ולכן אמר שם בפסוק זה ארבעים שנה כלומר שזה הבחינ' שצ"ל אלהיך זה הוא בחי' ארבעים שינום שמורה עליהם אות ם שעולה ארבעים שנראה לבחי' גבורה ואמר ה' אלהיך עמך לא חסרת דבר פי' שהוא עמך אפי' במדבר הנ"ל ולא להחסיר ממך דבר פי' אפילו שתרצה בימים הללו להשפיע בני חיי ומזוני וד"ת לעמו ישראל הוא יהיה עמך ויסכים לעצתך.

# דברי חיזוק פון אונזערע צדיקים

דברים

צוקומען צום תיקון השלם (תיקוני זוהר קיד.), און דאס איז די כוונה פון דעם פסוק: "אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר דִּבֶּר מֹשֶׁה אֶל כָּל יִשְׂרָאֵל" - משה האט גערעדט אלע זיינע דיבורים צו יעדן איינציגן איד וואס איז נאר געווען זינט ששת ימי בראשית, און וואס וועט זיין עד סוף כל הדורות.

דער פסוק איז ממשיך, וואס האט משה גערעדט צו זיי: "בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן", דאס מיינט, אז יעדער איד דארף וויסן און געדענקען, אז כאטש וואס זיין נשמה שטאמט פון די העכסטע ערטער – פון אונטער דעם כסא הכבוד, פארט דארף יעדער איד אריבערגיין דעם 'ירדן', דאס מיינט, אז ער איז מחוייב דורכצוגיין ("בעבר") פארשידענע ירידות, און נידריגע מצבים ('ירדן' איז א לשון פון 'ירידות').

דורכדעם וואס א איד דערהאלט זיך אין די פלעצער פאסירן געוואלדיגע תיקונים אין אלע עולמות, ווייל עס זענען דא אסאך פארווארפענע 'ניצוצים קדושים' וואס ליגן פארכאפט צווישן די קליפות, און יעדער איד מחוייב ארויפצוברענגען די אלע 'ניצוצים' צום אויבערשטן, און ווען א איד גייט דורך א נידריגן מצב, און ער געדענקט דארט דעם אויבערשטן, דערמיט דערהייבט ער די אלע נידריגע ערטער צום אויבערשטן, און ער ברענגט זיי צוריק צו זייער שורש, קומט אוים, אז דאס איז געווען א 'ירידה לצורך עליה'. און דאס איז בעצם די גאנצע כוונה פארוואס די נשמה האט געמוזט אראפקומען אויף דער גשמיות'דיגער וועלט – אז ער זאל אויפהייבן די אלע זאכן פון דער וועלט, און זיי צוריקברענגען צום אויבערשטן, דורך זיינע מצוות און מעשים טובים[ב].

---

[ב] וזל"ק (בית אהרן): או יאמר. אלה הדברים כו'. הנה זה ידוע שאתפשטותא דמשה הוא בכל דרא עד שיושלם העולם ויבוא לתכליתו וזה פי' הכתוב אלה הדברים אשר דבר משה. למי

## - ג -

### וויאזוי האט משה רבינו מוסר געזאגט פאר כלל ישראל?

בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן בְּאֶרֶץ מוֹאָב הוֹאִיל מֹשֶׁה בֵּאֵר אֶת הַתּוֹרָה הַזֹּאת לֵאמֹר (א, ה)

אין 'עבר הירדן' אין לאנד מואב האט משה אנגעהויבן צו ערקלערן די תורה

מרן רביה"ק מסאטמאר זי"ע זאגט, די וועלט פרעגט, אז לכאורה זעט מען דאך נישט אין די ווייטערדיגע פסוקים, אז משה רבינו זאל ערקלערן די תורה; ער האט זיי נאר געזאגט מוסר ווערטער.

נאר מ'קען דאס ערקלערן לויט ווי עס ווערט גע'פסק'נט אין שולחן ערוך (יורה דעה סי' רמ, יא), אז איינער וואס זעט ווי זיין טאטע איז עובר אויף אן הלכה, טאר ער אים נישט

---

דיבר אל כל ישראל. היינו כל ישראל שהיו בעולם מיום בריאת שמים וארץ ושיהיו בעולם עד שיושלם כל העולם הכל ע"י דיבורים של משה. ומה דיבר אליהם בעב"ר הירד"ן. שמחוייב כל איש ישראל לידע. שהגם שנשמתו חצובה מתחת כסה"כ. עכ"ז מחוייב לעבור את הירדן. היינו בכל הבחינות הנמוכים והשפלים. בכדי שיתעלו הכל להקב"ה למקורו הראשון. וכפי שאמר דהע"ה ע"כ אזכרך מארץ ירדן וחרמונים מהר מצער היינו כשאני בתכלית השפלות משם אזכור אותך בכדי להעלות הכל ולייחד כל העולמות להש"י. כי זהו ירידה לצורך עליה כדי שיתעלו כל הבחינות הנמוכים והשפלים למקורו הראשון. וזה החיוב מוטל על כל איש ישראל להעלות כל הנ"ק המונחים בעמקי הקליפות ולייחדם לשרשם. ומפני מה הוא כך. תהום אל תהום קורא לקול צנוריך. לקול הצנור היורד מלמעלה. כל משבריך. פי' כל התקוות שלך. וגלי"ך כל העליות שלך. עלי עברו. מחוייבים לעבור על ידי כידוע אשר כל הקדושות מחוייבים להתעלות והכל דרך בחינת אר"ץ. והעיקר לייחד העוה"ז עם העוה"ב. ומחוייבים כל הנשמות לירד לזה העולם בכדי שע"י עשיית מצותיו והתקשרות שלו אפילו בדבר הרשות שהם דברים נמוכים מאוד צריך להעלות הכל להקב"ה. וזהו פירוש של בעבר הירדן.

זאגן אז ער פירט זיך נישט ריכטיג, נאר ער דארף אים זאגן, 'טאטע, אזוי שטייט אין די תורה'.

דאס איז די כוונה דא, משה רבינו איז געווען א געוואלדיגער עניו, און ער האט געטראכט ביי זיך, אז ער איז נישט ראוי צו זאגן מוסר פאר די הייליגע אידן, דעריבער האט ער מחליט געווען, אז ער וועט זיי בלויז פארלייגן אז אזוי און אזוי שטייט אין די תורה, און אויף דעם אופן האט ער זיי געזאגט די מוסר, קומט אויס, אז ער האט יא ערקלערט די תורה, ווייל אלע זיינע מוסר-רייד האט ער אריינגעלייגט אין הלכות פון די תורה[ג].

## - ד -

### דער וועג צו עבודת ה': אמונה און בטחון

אַחֲרֵי הַכֹּתוֹ אֵת סִיחֹן מֶלֶךְ הָאֱמֹרִי אֲשֶׁר יוֹשֵׁב בְּחֶשְׁבּוֹן וְאֵת עוֹג מֶלֶךְ הַבָּשָׁן אֲשֶׁר יוֹשֵׁב בְּעַשְׁתָּרֹת בְּאֶדְרֶעִי: בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן בְּאֶרֶץ מוֹאָב הוֹאִיל מֹשֶׁה בֵּאֵר אֶת הַתּוֹרָה הַזֹּאת (א, ד-ה)

נאכדעם וואס משה האט גע'הרג'עט סיחון מלך האמורי און עוג מלך הבשן האט ער אנגעהויבן צו ערקלערן די תורה

דער הייליגער רבי הערשעלע ליסקער זי"ע ערקלערט: דער וועג זוכה צו זיין צו תורה איז, איינצוקויפן צוויי מידות: צום ערשט, דארף מען האבן א פעלזן פעסטע אמונה אין אויבערשטן, אז אויב וועט ער מקיים זיין די תורה ווער אים דער אויבערשטער

[ג] טיב לבב (עמ' שצא).

געבן גוטע שכר, און אויב נישט וועט אים דער אויבערשטער שטראפן חס ושלום. און צווייטנס, דארף ער האבן א שטארקע בטחון, אז דער אויבערשטער וועט אים זיכער העלפן צו ווערן אן ערליכער איד; די צוויי יסודות פעלן זיך אוים כדי צו קענען אריינגיין אין עבודת ה'.

סיחון און עוג זענען געווען צוויי קליפות וואס זענען געשטאנען קעגן די צוויי מידות; סיחון איז געווען אקעגן די ריינע אמונה אין אויבערשטן, און עוג איז געווען אקעגן בטחון (זע אינעווייניג זייער שייכות צו די צוויי מידות), און זיי האבן אכטונג געגעבן אז אידן זאלן נישט אריינגיין אין ארץ ישראל, ווייל ס'איז נישט מעגליך אריינצוגיין אין ארץ ישראל, אדער זיך באשעפטיגן אין סיי וועלכע עבודת ה', נאר נאך וואס מען איז קונה די צוויי מידות.

דעריבער זאגט דער פסוק, אז נאכדעם וואס משה רבינו האט מכניע געווען די צוויי קליפות, האט ער אנגעהויבן ערקלערן די תורה, ווייל נאר דאן קען מען זוכה זיין צו תורה[ד].

---

[ד] וזל"ק (אך פרי תבואה, פר' דברים עה"פ אחרי הכותו): ע"י דהנ' אחז"ל (שבת י"ז) לא נתנה התור' אלא לאוכלי המן דהנה ראשית דבר לכל אדם שיהי' לו אמונה בד' ית' שאם יקיים את התורה יתן לו הש"י שכר טוב ואם לאו יעניש אותו ח"ו וגם צריך להיות לו מדת הבטחון שהש"י בודאי יעזור לו ע"ד הבא לטהר מסייעין לו, וזאת ראו ישראל כשאכלו המן, והנה סיחן ועוג הם היו נגד זה דסיחון הוא ע"ד שאמרו שהולכין אחר שיחה נאה כנ"ל דהיינו שאין יראת ד' בלבבם ואין להם אמונה בשי"ת ועוג הוא רומז על מדת הבטחון ע"ד שאמרו עג עוגה ועמד בתוכה, והם היו שומרים את א"י שלא יוכלו ישראל לבוא שמה אם לא שהכניעם מתחל' מרע"ה שבל"ז אי אפשר לעסוק בעבודת ד' ית' ולכן אח"ז הואיל משה באר את התורה.

## - ה -

### אין וואספארא זכות זענען אידן בארעכטיגט
### צו באקומען אלעס גוטס אויף דער וועלט?

**ה' אֱלֹקֵינוּ דִּבֶּר אֵלֵינוּ בְּחֹרֵב לֵאמֹר רַב לָכֶם שֶׁבֶת בָּהָר הַזֶּה (א, ו)**

דער אויבערשטער האט געזאגטצו אונז אין 'חורב' (סיני): איר האט זיך שוין גענוג אויפגעהאלטן אין דעם בארג [ס'איז שוין געקומען די צייט צו גיין ווייטער]

דער הייליגער בן איש חי זי"ע ערקלערט: חז"ל זאגן (חולין קמב.): 'שכר מצוות בהאי עלמא ליכא', אויף דער וועלט באקומט מען נישט קיין שכר אויף די מצוות. די פריערדיגע פרעגן דערויף, לכאורה שטייט דאך אין פסוק (דברים כד, טו): "בְּיוֹמוֹ תִתֵּן שְׂכָרוֹ", אז מען דארף באצאלן פאר אן ארבעטער אין דעם זעלבן טאג, אויב אזוי וויאזוי מעג דער אויבערשטער כביכול אפשטופן אונזער שכר אויף יענער וועלט, און די מפרשים ענטפערן דערויף (חנוכת התורה, יתרו פד; ועוד), אז די הלכה איז (חושן משפט, סי' שלט, ז), אז אויב דינגט מען אן ארבעטער דורך א שליח איז מען פטור פון באצאלן אין דעם זעלבן טאג, און וויבאלד מיר האבן מקבל געווען די תורה דורך א שליח - משה רבינו, דעריבער איז מער נישט שייך די מצוה פון 'ביומו תתן שכרו'.

דאס איז אבער נישט גילטיג לגבי די ערשטע צוויי 'דברות', 'אנכי' און 'לא יהיה לך', וואס דאס האבן מיר געהערט פון אויבערשטן אליין, און דעריבער דארפן מיר יא באקומען שכר אויף זיי - אויף דער וועלט, און די מפרשים ברענגען טאקע, אז אין זכות פון די צוויי מצוות באקומען מיר פיל גוטס אויף דער וועלט, און אָן דעם וואלטן מיר בלויז געהאט די מינימום אויף צום לעבן.

דאס איז מרומז אין דעם פסוק: "ה' אֱלֹקֵינוּ דִּבֶּר אֵלֵינוּ בְּחֹרֵב" - דורכדעם וואס דער אויבערשטער אליין האט גערעדט מיט אונז אויפן בארג סיני, און אונז געזאגט די ערשטע צוויי 'דברות', נישט דורך א שליח, דעריבער "לֵאמֹר רַב לָכֶם" – קענען מיר זאגן, אז אויף דער וועלט זאל אונז קומען א גרויסע שפע פון גוטס, ווייל צוליב אט-די צוויי 'דברות' באקומען מיר שכר אפילו אויף דער וועלט.

- ן -

## זיך פאַרשטעלן כאילו מען איז 'היינט' מקבל די תורה!!

דער הייליגער בן איש חי זי"ע שמועסט אויס נאך אן ענין וואס מען זעט אין דעם פסוק "רב לכם שבת בהר הזה": דאס וואס חז"ל זאגן (ברכות סג; ספרי דברים ו, ו), אז א מענטש דארף זיך פאַרשטעלן יעדן איינציגן טאג, כאילו ער איז היינט מקבל די תורה, און כאילו ער ווערט א איד דעם היינטיגן טאג. מיט דעם פארשטייט מען דעם טעם פארוואס דער אויבערשטער האט אונז באפוילן צו געדענקען יעדן טאג דעם 'מעמד הר סיני', כדי מיר זאלן זיך יעדן טאג אויסמאלן כאילו מיר זענען היינט מקבל די תורה.

דאס איז מרומז אין דעם המשך פון דעם פסוק: "שֶׁבֶת בָּהָר הַזֶּה" – ס'איז ראוי אז איר זאלט צולייגן קאפ, און געדענקען יעדן טאג אין דעם צייט וואס מיר זענען געווען ביים בארג סיני, כדי די תורה זאל זיין יעדן ארג שפאגל ניי אין אונזערע אויגן[ה].

---

[ה] וזל"ק (בן איש חי, דרשות, פר' דברים): ה' אלהינו דבר אלינו בחורב לאמר רב לכם שבת בהר הזה נ"ל בס"ד דארז"ל שכר מצות בהאי עלמא ליכא משום דנצטווינו ע"י שליח וליכא בזה משום ביומו תתן שכרו אך שכר מצות אנכי ולא יהיה לך דמפי הגבורה שמענום יש שכר גם בעוה"ז וכתבו המפרשים ז"ל דבשביל מצות אנכי ולא יהיה לך יש לישראל רוב טובה בעוה"ז ולולי

- ז -

**קיין בית המקדש האבן מיר טאקע נישט, אבער דעם שבת האבן מיר יא!!**

**ה' אֱלֹקֵינוּ דִּבֶּר אֵלֵינוּ בְּחֹרֵב לֵאמֹר רַב לָכֶם שֶׁבֶת בָּהָר הַזֶּה (א, ו)**

**דער אויבערשטער האט געזאגט צו אונז אין 'חורב' (סיני): איר האט זיך שוין גענוג אויפגעהאלטן אין דעם בארג [ס'איז שוין געקומען די צייט צו גיין ווייטער]**

**דער הייליגער תפארת שלמה זי"ע זאגט**, מען לייגט אלעמאל די פרשה אין די טעג פון 'בין המצרים' אין 'שבת חזון'. דער טעם דערפון איז,ווייל די פרשה קומט אונז צו מרמז זיין "בְּחֹרֵב" - כאטש וואס דער בית המקדש איז ליידער 'חרוב', מיט דעם אלעם: "רַב לָכֶם שֶׁבֶת" - האבן מיר נאך דעם גרויסן שבת. די קדושה פון די ימים טובים האבן מיר טאקע טיילווייז פארלוירן ווען דער בית המקדש איז חרוב געווארן, ווייל מיר קענען מער נישט עולה רגל זיין און ברענגען קרבנות, אבער די קדושה פון שבת קודש בלייבט שטענדיג און רירט זיך קיינמאל נישט.

דאס איז מרומז אין די ווערטער פון חז"ל (שבת י:): "מתנה טובה יש לי בבית גנזי ושבת

---

כן לא היה להם יותר מכדי חיותם ממש עוד ידוע מ"ש רז"ל ע"פ היום הזה ה' אלהיך מצוך בכל יום יהיו בעיניך כחדשים כאלו בו ביום נצטווית עליהם וכן אמרו ע"פ היום הזה נהיית לעם בכל יום יהיו בעיניך כאלו היום באת עמו בברית ובזה מובן הטעם שצונו השי"ת לזכור בכל יום מעמד הר סיני וז"ש ה' אלהינו דבר אלינו בחורב בשביל שדבר אלינו ממש כי אנכי ולא יהיה לך מפי הגבורה שמענום לכך לאמר רב לכם ראוי לאמר בעוה"ז רב לכם שיהיה לכם רבוי שפע טובה ולא בצמצום כי מחמת אותם דברים שדבר עמנו יש לנו שכר גם בעוה"ז גם עוד ראוי לנו להשים מעמד הר סיני על לבינו שנצייר תמיד שבתינו בהר הזה כדי שתהיה קבלת התורה חדשה אצלינו בכל יום.

שמה", אז דער אויבערשטער זאגט פאר די אידן, אז אפילו אינדערצייט וואס דער בית המקדש איז שוין באהאלטן ("בבית גנזי"), בלייבט אבער שטענדיג די קדושה פון שבת.

## - ח -

### דער כח פון די תורה גייט מיט אונז אפילו אין גלות

נאך א פשט קען מען זאגן אויף דעם פסוק, לויט ווי חז"ל זאגן (ברכות כב.), אז רבי יהודא בן בתירה האט געדרש'נט אז אפילו א טמא'נער מענטש קען לערנען תורה, וויבאלד די תורה איז נישט מקבל טומאה, און די טיפע כוונה דערפון איז, ווייל רבי יהודה בן בתירא האט געוואוינט אין חוץ לארץ, וואס איז א פלאץ פון טומאה, דעריבער האט ער געדארפט דרש'ענען אז די תורה איז נישט מקבל קיין טומאה, און נאר צוליב דעם האט ער געמעגט לערנען תורה. דער טעם דערפון איז, ווייל אלע וועלטן האבן נאר אן עקזיסטענץ דורך די תורה, אויב אזוי מוזן מיר לערנען תורה אפילו אין חוץ לארץ, ווייל אז נישט וועלו מיר זיך נישט קענען דערהאלטן דא.

דאס איז מרומז אין דעם פסוק: "ה' אֱלֹקֵינוּ דִּבֶּר אֵלֵינוּ בְּחֹרֵב לֵאמֹר" - די ווערטער פונעם אויבערשטןאיז שטענדיג מיט אונז, אפילו ווען דער בית המקדש איז שוין חרוב, ווייל די קדושה פון די תורה גייט קיינמאל נישט אוועק פון אונז, אפילו אין חוץ לארץ. אט דער כח איז אבער נאר דורך די קדושה פון שבת וואס דורכדעם רוהט די שכינה שטענדיג מיט די אידן, און דאס פירט דער פסוק אוים: "רַב לָכֶם שֶׁבֶת בָּהָר הַזֶּה" - דער שבת קודש איז אייער 'רבי', און ווי אויך דער כח פון די תורה; דאס בלייבט מיט אונז אפילו אין גלות[י].

---

[י] וזל"ק: ה' אלהינו דבר אלינו בחורב לאמר רב לכם שבת בהר הזה. הפרשה זאת נקרא תמיד

- ט -

## אויב דער אויבערשטער וויל, קען מען דואיג בלייבן וואוינען אין מדבר

### רַב לָכֶם שֶׁבֶת בָּהָר הַזֶּה (א, ו)

[דער אויבערשטער זאגט פאר די אידן:] איר האט זיך שוין גענוג אויפגעהאלטן אין דעם בארג [ס'איז שוין געקומען די צייט צו גיין ווייטער]

דער הייליגער באר מים חיים זי"ע ערקלערט, דער מדרש ברענגט (בראשית רבה, ה, ז), אז ווען די אידן זענען אריבער די ירדן, זענען זיי אלע אריינגעגאנגען צווישן די

---

בין המצרים בשבת חזון. והיא מרמזת לנו כי ה' אלהינו דבר אלינו בחורב אף שבהמ"ק הוא חרב בעוה"ר אעפ"כ רב לכם שבת הוא שבת. כי האמנם כל המועדים הם לפי הזמנים כמ"ש מקדש ישראל והזמני' והי' לנו מצות עליית הרגל והבאת הקרבנות ובזמן הזה אין לנו דבר אבל שבת היא קביעא וקיימא גם בזמה"ז וז"ש ז"ל מתנה טובה יש לי בבית גנזי ושבת שמה. ר"ל אף שבהמ"ק נגנז אך השבת קיים לעולם. גם י"ל ה' אלהינו דבר אלינו בחורב רב לכם שבת בהר הזה. עפ"י מה דאיתא בגמ' בדברי ר"י בן בתירא שדרש ד"ת אינם מקבלים טומאה. ופרשנו לעיל מפני שר"י בן בתירא הי' דר בחוץ לארץ וגזרו שם טומאה שמונים שנה קודם החורבן והוא הי' עוסק שם בתורה הוצרך לדרוש בזה שד"ת אינם מקבלים טומאה. והטעם כי באורייתא ברא קב"ה עלמא ואיך יהי' לנו קיום בחו"ל אם לא ע"י עסק התורה (וכאשר גזרו שם כו' בלתי זאת הם בחו"ל ואיך יהי' שם קיום בלתי עסק התורה). וזה גם כן הרמז ה' אלהינו דבר אלינו בחורב. ר"ל הדברי תורה הם אלינו גם בזמן החורבן כמ"ש כי לא תשכח מפי זרעו. לכן קדושת התורה היא תמיד עמנו וד"ת אינם מקבלים שום דבר חול כנ"ל. וזה הכח הוא ע"י קדושת שבת שהיא קביעא וקיימא גם בזמה"ז השכינה שורה בישראל ביום השבת כמ"ש בפי' הגמ' יכול יהי' בנין בהמ"ק דוחה שבת ת"ל אך את שבתותי כו'. וז"פ הכתוב רב לכם שב"ת בהר הזה. השבת היא הרבי שלכם וכח התורה עמנו גם בזמה"ז בחוץ לארץ.

צוויי שטאנגען פון דעם ארון, ווי אויך אין ירושלים איז אלעמאל געווען בריוח פלאץ פאר אלע וואס האבן עולה רגל געווען (אבות ה, ז), און אזוי ווייטער געפינען מיר פארשידענע מאל וואס גאר א קליין פלאץ האט ארייגענומען אין זיך גאר אסאך.

דאס איז די כוונה פון דעם פסוק, אז דער אויבערשטער האט געזאגט פאר כלל ישראל: "רַב לָכֶם שֶׁבֶת בָּהָר הַזֶּה" - באמת איז דא גענוג פלאץ אויף דעם בארג אליין, אז איר זאלט בלייבן דא וואוינען ווייטער, ווייל אפילו דאס איז טאקע א קליין פלאץ, און דאס איז וויסט פון עסן און טרינקען, קען איך אבער באווייזן נסים אז ס'זאל זיין גענוג פלאץ און באדערפענישן פאר אלעמען, דעריבער פעלט בעצם נישט אויס צו גיין איינעמען לענדער, זיך צו באזעצן דארט. אבער פארט וויל איך דאס נישט, נאר איך וויל אז איר זאלט דוקא יא גיין איינעמען ארץ ישראל[ו].

---

[ו] וזל"ק: ועוד יאמר רב לכם שבת בהר וגו'. כי הנה כשהקב"ה רצה כינס כל ישראל בין שני בדי הארון בעת העבירם הירדן כמאמר חז"ל (בראשית רבה ה', ז') וכן במקדש במקום בית סאתים, ומעולם לא אמר אדם צר לי המקום שאלין בירושלים. (אבות ה', ז') וכן בשעת מתן תורה כפה על ששים רבוא מישראל ההר כגיגית כאומרם ז"ל (שבת פ"ח.). ועל כן רב לכם שבת בהר הזה. כלומר כי גם בהר הזה לבד רב ודי לכם לשבת בו, ולא יאמר אדם צר לי המקום. וגם בהר הזה שאינו לא מקום זרע ותאנה וגפן וגו' ומים אין לשתות, אף על פי כן רב ודי לכם לשבת בו כי אני המוציא לכם מים מצור החלמיש ולחם מן השמים ולא תחסר דבר. ואינכם צריכים בשביל זה לילך ולכבוש מדינות לשכון בהם וערים לשבת לטפכם ונשיכם, ולזרוע שדות וליטע כרמים ולעשות פרי תבואה. רק אני אין רצוני בזה כי אם דוקא פנו וסעו לכם.

– י –

## דורך ענוה איז מען זוכה צו חשיבות און גדויסקייט

### רַב לָכֶם שֶׁבֶת בָּהָר הַזֶּה (א, ו)

[דער אויבערשטער זאגט פאר די אידן:] איר האט זיך שוין גענוג אויפגעהאלטן אין דעם בארג [ס'איז שוין געקומען די צייט צו גיין ווייטער]

דער הייליגער בן איש חי זי"ע ערקלערט: חז"ל זאגן (סוטה ה.), אז דער טעם פארוואס דער אויבערשטער האט אויסגעוועלט דעם בארג סיני צו געבן דערויף די תורה איז, וויבאלד דאס איז א נידריגע בארג, און דאס קומט צו לערנען די געוואלדיגע חשיבות פון ענוה און שפלות, און וויפיל א מענטש דארף זיך אנהאלטן אין די מידה. דער זוהר הקדוש (שלח קסח.) זאגט, אז דער וואס האלט זיך קליין דער איז זוכה צו גרויסקייט.

דאס איז מרומז אין דעם פסוק: "רַב לָכֶם" - אויב ווילט איר זוכה זיין צו גרויסקייט און חשיבות, איז די עצה דערויף: "שֶׁבֶת בָּהָר הַזֶּה" - אז איר זאלט זיך אפלערנען די מידה פון דעם בארג סיני, וואס דאס איז ענוה און שפלות[ח].

[ח] וזל"ק (בן איש חי, דרשות, פר' דברים): או יובן בס"ד סיני נבחר למתן תורה בשביל שפלות שהיתה בו וממדת הר סיני ילמד האדם לאחוז בענוה דמאן דאיהו זעיר איהו רב וז"ש רב לכם אם תרצו להיות רב לכם צריך שתשבו בהר הזה כלומר במידת ההר הזה שהיא מדת ענוה ושפלות.

## - יא -

### אז דו ווילסט זיין הייליג וועלן קומען נשמות פון צדיקים דיר צו העלפן

### ה' אֱלֹהֵיכֶם הִרְבָּה אֶתְכֶם (א,י)

#### דער אויבערשטער אייער גאט, האט אייך פארמערט

דער הייליגער רבי פון לובלין זי"ע ערקלערט: חז"ל זאגן (שבת קד.) אז דער וואס וויל זיך הייליגן און אריינגיין אין די וועגן פון עבודת ה', העלפט מען אים צו פון הימל, און עס ווערט געברענגט בשם דעם אר"י ז"ל (שער הגלגולים הקדמה א), אז די כוונה איז, אז דער אויבערשטער שיקט אראפ הייליגע נשמות פון גרויסע צדיקים וועלכע באהעפטן זיך צו דעם מענטש, און זיי געבן אים די כוחות זיך צו קענען שטארקן איבער זיין יצר, און אים בייקומען.

דאס איז מרומז אין דעם פסוק: "ה' אֱלֹהֵיכֶם הִרְבָּה אֶתְכֶם" - דער אויבערשטער האט אייך 'פארמערט', דאס מיינט, אז עס זענען צוגעקומען צו אייער נשמה - נאך נשמות פון צדיקים, קומט אויס, אז איר זענט געווארן 'מער' ווי פריער[ט].

[ט] וזל"ק (זאת זכרון מהדורת פיעטרקוב בסופו מכ"י בעל חידושי הרי"ם): עוד י"ל הרבה כי הבא לטהר מסייעין לו (שבת קד), פרשו בשם האר"י ז"ל שמתחברין עמו נשמות בסוד עיבור לסייעו נגד יצרו דאם לא כן לא היה יכול לו, ובזה הקב"ה עוזרו, וזה ה' כו' הרבה אתכם.

## - יב -

## יעדער איד אנטהאלט גאר אסאך

**וְהִנְּכֶם הַיּוֹם כְּכוֹכְבֵי הַשָּׁמַיִם לָרֹב (א, י)**

אין דעם היינטיגן טאג זענט איר אזוי סאך ווי די שטערנס פון הימל

דער הייליגער רבי פון לובלין זי"ע טייטשט, אז די כוונה פון דעם פסוק איז, אז מיר זאלן נישט מיינען אז די כוונה פון "הרבה אתכם" איז ווי דער פשוט'ער באדייט, אז מיר וועלן זיין אסאך אידן, דעריבער זאגט ער: "והנכם היום ככוכבי השמים" - איר זענט אזוויווי די שטערנס פון הימל, וואס זיי זעען אויס גאר קליין, אבער באמת זענען זיי גרעסער ווי די גאנצע וועלט, אט דאס איז די כוונה פון "הרבה אתכם", אז יעדער איד פאר זיך וועט זיין גאר גרויס, און אנטהאלטן אין זיך גאר אסאך`.

` וזל"ק (זאת זכרון מהדורת פיעטרקוב בסופו מכ"י בעל חידושי הרי"ם): וזה והנכם היום ככוכבי השמים לרוב שלא תאמר כונתו פשוטה הרבה לזה אומר ככוכבי השמים שנראים קטנים כגרגיר חרדל והם גדולים יותר מהעולם כן תהיו אתם כלולים כל אחד הרבה מאוד.

## - יג -

### נאך פאר ס'קומט די צרה איז שוין אנגעשריבן די ישועה

**יְהֹוָה אֱלֹהֵי אֲבוֹתֵכֶם יֹסֵף עֲלֵיכֶם כָּכֶם אֶלֶף**
**פְּעָמִים וִיבָרֵךְ אֶתְכֶם כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר לָכֶם (א, יא)**

[משה רבינו בענטש כלל ישראל:] דער אויבערשטער זאלט אייך פארמערן טויזנט מאל אזויפיל, און ער זאל אייך בענטשן אזוי ווי ער האט גערעדט צו אייך

דער הייליגער תפארת שלמה זי"ע זאגט: דער סדר פון השי"ת איז, אז שטענדיג באשאפט ער די רפואה נאך פאר עס קומט די מכה, און די ישועה נאך פאר די צרה, אזוי ווי מיר זעען, אז א לאנגע צייט פאר די אידן זענען געגאנגען אין גלות, האט שוין דער אויבערשטער מודיע געווען די 'נחמות' און די גאולה פאר ישעי' הנביא. און באמת איז אט-דאס די רפואה, וויבאלד ס'איז שוין דא א רפואה פון פארדעם, איז די צרה מער נישט אזוי שרעקליך, אזוי ווי חז"ל זאגן (זע זוה"ק כי תשא קפח:), אז ווען נישט די ווערטער פון די נביאים וואלטן מיר נישט געהאט קיין האפענונג אין גלות.

דאס איז די טיפע כוונה פון דעם פסוק, ווייל אין דעם פסוק איז מרומז א הבטחה פאר כלל ישראל, אז זיי וועלן נאך זוכה זיין צו די הויכע מדריגה וואס זיי זענען געווען פארן זינדיגן - צו האבן א געוואלדיגע הויכע השגה אין השי"ת, און נאר נאכדעם ווסא ער האט זיי געזאגט די גוטע בשורה האט ער געזאגט דעם קומענדיגן פסוק: "איכה אשא לבדי", וואס איז מרמז אויפן גלות, ווי עס ווערט געברענגט אין מדרש (איכה רבה א, א), ווייל אלעמאל קומט די 'רפואה' פאר די מכה"[א].

---

[א] וזל"ק (לבין המצרים): יוסף ה' עליכם ככם אלף פעמים ויברך אתכם כאשר דבר לכם. הנ"ל דהנה זה דרך הש"י ב"ה שבורא תמיד הרפואה קודם למכה. והנחמות הנה קדמו זמן רב על

## - יד -

## אהבת חברים ברענגט אלע ישועות!!

**שְׁמֹעַ בֵּין אֲחֵיכֶם וּשְׁפַטְתֶּם צֶדֶק (א, טז)**

[משה רבינו האט באפוילן פאר די שופטים:] איר זאלט אויסהערן די טענות צווישן אייערע ברידער, און איר זאלט משפט'ן מיט גערעכטיגקייט

דער הייליגער מאור ושמש זי"ע שרייבט: ס'איז באקאנט, אז דער עיקר איז, אז ס'זאל זיין אן אמת'ע פריינטשאפט צווישן חברים, און דאס ברענגט אלע ישועות און אלע 'המתקת הדינים', אזוי ווי חז"ל זאגן (בראשית רבה לח, ו) אויפן פסוק (הושע ד, יז): "חֲבוּר עֲצַבִּים אֶפְרָיִם הַנַּח לוֹ", אז ווען אידן זענען באחדות, איז דער אויבערשטער מוחל אפילו אויף די עבירה פון עבודה זרה.

אפילו אויב ס'איז בלויז דא איין קבוצה פון ערליכע אידן און צדיקים וואס זענען אמת'דיג פאראייניגט מיט א ליבשאפט און פריינטשאפט קען שוין משיח קומען דורכדעם (זע זוהר חדש נח ל.).

דאס איז מרומז אין דעם פסוק, ווייל ס'איז באקאנט אז דאס ווארט 'שמוע' איז א לשון פון איינזאמלען (זע שמואל-א כג, ח), און דער פסוק זאגט: "שמוע בין אחיכם" - איר

---

ידי ישעי' הנביא קודם שבאו הפורעניות וזה הוא התרופה כדי שלא תהי' המכה אח"כ חזקה כ"כ כאשר הרפואה מוקדמת לה וכמו שאמרו ז"ל בגמ' אלמלא דברי הנביאים חלילה לא הי' תקומה לישראל בגלות. וזה ג"כ הרמז כאן שזהו הבטחה לישראל וקיימת בלי ספק יוסף ה' עליכם כו' ויברך אתכם לזכות לאותה המדריגה אשר דבר לכם בהר סיני וכל העם רואים את הקולות והנה לעתיד יהי' כן וראו כל בשר יחדו כי פי ה' דבר. ואח"כ כאשר נחמם בכל זה. פתח ואמר איכה אשא הרמוז לגלו' כמבו' במד"ר.

זאלט זיך איינזאמלען צוזאמען מיט א פריינטשאפט, ליבשאפט, און אחדות; דורכדעם וועט פאסירן: "ושפטתם צדק" - די מידת הדין' (וואס ווערט אנגערופן אין ספרי קבלה: 'צדק') זאל ווערן איבערגעדרייט צו 'מידת הרחמים' (וואס ווערט אנגערופן אין ספרי קבלה: 'משפט'), ווייל דורך אחדות ווערן נמתק אלע דינים, און עס קומט אראפ אויף דער וועלט א השפעה פון געוואלדיגע רחמים און אפענע חסדים[י].

## - טו -

### די תורה פארבדייטערט זיך אן אויפהער - פונקט ווי א קוואל

**וַיַחְפְּרוּ לָנוּ אֶת הָאָרֶץ (א, כב)**

און די מרגלים זאלן אויסשפיאנירן פאר אונז - דאס לאנד

דער הייליגער ערוגת הבושם זי"ע ערקלערט: די משנה זאגט (אבות ו, ג), אז איינער וואס לערנט סיי וואס פון זיין חבר - אפילו איין אות תורה - דארף אים מכבד זיין, און

---

[י] וזל"ק: ואצוה את שפטיכם בעת ההיא לאמר שמע בין אחיכם ושפטתם צדק בין איש ובין אחיו ובין גרו ופירש"י ז"ל ובין גרו זה בעל דינו שאוגר עליו דברים. הענין נראה לי דידוע שהעיקר הוא התחברות באמת בין החבירים זה גורם כל הישועות והמתקת הדינים כאמרם ז"ל על פסוק חיבור אפרים עצבים הנח לו ואפילו אי איכא כנסי' חדא באמת לאמיתו בהתחברות ואהבה וחיבה תוכל הגאולה לבא עי"ז כשהם צדיקים כדאיתא בזוה"ק וזה נרמז כאן כי ידוע אשר שמע הוא לשון אסיפה מלשון וישמע שאול את העם וכו' וזהו שמוע בין אחיכם ביאורו שתתאספו ביחד באהבה ואחוה וריעות ועי"ז ושפטתם צדק כידוע מספרי קודש כי צדק הוא מדת מלכות ודינא דמלכותא ומשפט הוא רחמים והוא עמודא דאמצעיתא שיהיה צדק נמתק ברחמים בין איש ובין אחיו ובין גרו דהיינו בעל דינו שאוגר עליו דברים כפירש"י ר"ל שמסולקים כל הדינין ונמתקים ברחמים ונתגלה בעולם רחמים גמורים וחסדים מגולים ע"י התחברות כנ"ל.

# דברי חיזוק פון אונזערע צדיקים

דברים

דער הייליגער בעל שם טוב זי"ע (כתר שם טוב כב) איז מסביר דעם טעם דערפון, ווייל די טיפקייט און די פנימיות פון די תורה איז אן קיין שיעור, ווי די גמרא זאגט (חגיגה ג.), אז די תורה האט א כח זיך צו פארמערן און וואקסן, קומט אויס אז ווען ער האט געהערט איין ווארט פון יענעם - מיט די ריכטיגע קדושה וטהרה - קען דאס זיך פארברייטערן צו פארשטיין דערפון פיל מער.

אן ענליכן טייטש ווערט געברענגט בשם דער הייליגער רבי הערשעלע פון רימנוב זי"ע אויפן פסוק (דברים א, ה): "הוֹאִיל מֹשֶׁה בֵּאֵר אֶת הַתּוֹרָה הַזֹּאת", אז די תורה פון משה רבינו איז געווען ווי א 'בְּאֵר' – א ברונעם, וואס די נאטור פון א ברונעם איז, אז ווי מער וואסער מען שעפט ארויס דערפון - קוועלט דאס מער פרישע וואסער, די זעלבע האט די תורה פון משה רבינו געקוועלט שטענדיג אן אויפהער.

אזוי קען מען אויך ערקלערן די כוונה פון משה רבינו מיטן שיקן די מרגלים, אז זיי זאלן פאראויסגיין קיין ארץ ישראל, און זיי זאלן אנגרייטן די לאנד מיט די ריכטיגע קדושה, כדי דאס זאל זיין ווי א קוואל פון קדושה, אז ווען די אידן וועלן דערנאך אריינגיין דארט זאל שוין אלעם זיך פירן מיט די ריכטיגע קדושה וטהרה, געבויעט אויף דעם וואס די מרגלים האבן אנגעגרייט, און צוליב דעם האט מען געדארפט אויסוועלן גרויסע צדיקים וואס זאלן דינען אלס מרגלים.

ס'איז באקאנט, אז א קוואל איז אונטער די ערד, און מען דארף גראבן ביז מען קומט אן צו דעם פלאץ וואס קוועלט וואסער.

דאס איז מרומז אין דעם פסוק: "ויחפרו לנו את הארץ" אז זיי זאלן גראבן אין די ערד ("ויחפרו" איז א לשון פון 'חפירה' – גראבן), ביז זיי וועלן זוכה זיין צו דעם ענין פון א קוואל[יג].

---

[יג] וזל"ק: ויחפרו לנו את הארץ וגו'. יל"פ ע"ד דאיתא כל העוסק בתורה לשמה זוכה לדברים הרבה וכו' ונעשה כמעיין המתגבר, ופירשתי עפ"י דברי הבעש"ט זי"ע אשר הבאתי לעיל

## - טז -

### א 'בעל תשובה' איז העכער ווי א צדיק

**וַתַּעֲנוּ וַתֹּאמְרוּ אֵלַי חָטָאנוּ לַה' אֲנַחְנוּ נַעֲלֶה וְנִלְחַמְנוּ (א, מא)**

[משה רבינו זאגט פאר די אידן:] און איר האט זיך אנגערופן און געזאגט פאר מיר [נאך וואס דער אויבערשטער האט גוזר געווען אז די אידן זאלן נישט אריין אין ארץ ישראל]: מיר האבן געזינדיגט פארן אויבערשטן, יעצט ווען מיר ארויפגיין און מלחמה האלטן

דער הייליגער חת"ם סופר זי"ע ערקלערט, אז די כוונה פון כלל ישראל איז געווען, אז טאקע צוליב דעם וואס מיר האבן געזינדיגט, און יעצט טוען מיר תשובה, און בעלי תשובה זענען דאך העכער ווי צדיקים גמורים (ברכות לד.), דעריבער ווען מיר יא קענען ארויפגיין און מלחמה האלטן - אין דעם זכות פון תשובה[י].

---

הלומד מחברו פ"א או ה"א או אפי' אות אחת וכו' דד"ת כשהן נדברין בקדושה ובטהרה הם פו"ר ודפח"ת. ועד"ז פי' בס"ד מארז"ל דברי חכמים כדרבונות וכמסמרות נטועים מה נטיעה פו"ר וכו' והיינו דתנן ונעשה כמעין המתגבר. וע"ד זה פי' בשם הה"צ מהר"צ מרימנוב ז"ל הואיל משה באר את התורה שהתוה"ק שלמד משה רבינו הי' בבחי' באר שכל מה ששואב יותר נובע ממקורו כמעין, וי"ל הכוונה במרגלים שיקדימו ללכת לא"י ושם יתחילו הם לעסוק ביושוב הארץ וכל מעשיהם יהי' בבחי' מעין שאם אח"כ יעסקו בה ישראל יהי' הכל בקדושה מאחר שכבר התחילו הם לעסוק בדרכם בקודש ולזה הוצרכו לבחור אנשי' צדיקים וגדולים. והנה ידוע דמעין הוא בתחתיות הארץ וצריך לחפור עד שיגיע למקום הנובע וה"ד ויחפרו לנו את הארץ שיחפרו את הארץ עד שיגיע למקור ויהי' בבחינת מעין הנובע וא"ש בס"ד.

[י] וזל"ק (חת"ם סופר עמ' יב): ותענו ותאמרו אלי חטאנו לה' אנחנו נעלה ונלחמנו. ר"ל היא הנותנת הואיל וחטאנו ושבים אנחנו ממנו ובמקום שבעלי תשובה עומדין אין צדיקים גמורים יכולים לעמוד בזכות זה אנחנו נעלה ונלחמנו.

- יז -

## דיין תפילה איז חשוב'ער ווי די הייליגסטע קרבנות!!

### רַב לָכֶם סֹב אֶת הָהָר הַזֶּה פְּנוּ לָכֶם צָפֹנָה (ב, ב)

[דער אויבערשטער האט געזאגט פאר משה:] ס'איז שוין פיל צייט
וואס איר דרייט זיך ארום דעם בארג; קערט אייך צו צפון זייט

הגה"צ רבי ארי' אונגאר זצ"ל ערקלערט: חז"ל זאגן (ברכות לב:), אז תפילה איז חשוב'ער ווי קרבנות. דאס איז מרומז אין דעם פסוק, ווייל די ווערטער "סֹב אֶת הָהָר הַזֶּה" זענען מרמז אויף תפילה, ווייל די הלכה איז, אז ווען מען דאווענט דארף מען זיך אויסדרייען צו די זייט פון ירושלים (שו"ע סי' צד, א), און ירושלים ווערט אנגערופן 'הר', ווי רש"י זאגט אויפן פסוק (דברים ג, כה): "ההר הטוב הזה", דעריבער אז דאס מרמז אויף תפילה, וואס דאן דארף מען זיך אויסדרייען צום 'הר-ירושלים'.

דאס זאגט דער פסוק: "רַב לָכֶם" - ס'איז גרעסער און חשוב'ער, "סֹב אֶת הָהָר הַזֶּה" - צו דאווענען פארן אויבערשטן, "פְּנוּ לָכֶם צָפֹנָה" - מער ווי צו מקריב זיין קרבנות, און אפילו מער ווי די 'קדשי קדשים' וואס מען דארף מקריב זיין אויף צפון זייט פון די עזרה[טו].

---

[טו] וז"ל (קונטרס 'רב לכם' סעיף כג-ב): א"י עפ"י אמרם ז"ל ברכות (דף לב עב) א"ר אלעזר גדולה תפלה יותר מן הקרבנות שנא' למה לי רוב זבחיכם וכתיב ובפרישכם כפיכם ופרש"י ז"ל אי לאו דגדולה תפלה כין דאמר למה לי רוב זבחיכם למה לי תו ובפרישכם הא אפילו זבחיהם לא ניחא לי' עכ"ל. וזהו כונת הכתוב "רב לכם" יותר גדול הוא לכם "סב את ההר הזה" ענין התפלה שצריך אדם להסיב פניו בשעה שמתפלל נגד ירושלים הנקרא הר כמ"ש רש"י בפ'

## בין המצרים ועניני גלות וגאולה

## - יח -

### תיכף ווען ס'איז נגזר געווארן די גלות איז אויך מיטגעקומען די בשורה אויף די גאולה

דער הייליגער **תפארת שלמה** זי"ע זאגט: אפילו יעצט ווען מיר זענען נאך אין גלות, און ס'קוקט אויס ווי מיר זענען ווייט פון די גאולה, אבער באמת זענען שוין בעצם פארהאן אלע גאולות און ישועות וואס וועלן צום סוף קומען אויף אונז, און די אלע גוטס שטייען גרייט ביים שוועל נתגלה צו ווערן בקרוב. און די אלע נביאים וואס האבן פאראויסגעזאגט די גאולה, האבן דאס באמת געזען מיט זייערע אויגן, ווייל בעצם געפינט זיך די ישועה שוין 'דא', אפילו 'יעצט'.

ווי אויך דער 'דור המדבר' וואס זענען געווען אין א הויכע מדריגה, האבן זוכה געווען צו זען מיט זייערע אויגן די אלע גוטס און די גאולות וואס וועלן קומען לעתיד.

דעריבער געפינען מיר, אז נאך די מעשה פון די מרגלים שטייט אין פסוק (במדבר יד, כא): **"ואולם חי אני וימלא כבוד ה' את כל הארץ"**, ווייל ס'איז באקאנט אז דער גאנצער ענין פון די מרגלים איז געווען א רמז אויף דעם גלות וואו מיר געפינען זיך היינט, ווי חז"ל זאגן (תענית כט.), אז אין יענעם יאר תשעה באב האט דער אויבערשטער אנגעשריבן אז אין אלע דורות וועלן די אידן וויינען אין דעם נאכט אויפן חורבן, דעריבער תיכף ווען ס'האט זיך אנגעהויבן די ביטערע גזירה אויף דעם שרעקליכן גלות, האט דער אויבערשטער גלייך אנגעזאגט די גוטע בשורה: "ואולם

---

ההר הטוב הזה שזה ירושלים כדאיתא בברכות (דף ל') הי' עומד בארץ ישראל יכוין את לבו כנגד ירושלים "פנו לכם צפונה" יותר מן הקרבנות ואפי' מן קדשי קדשים הנשחטת בצפון.

חי אני" - אפילו נאך דעם גאנצן גלות בין איך ווייטער 'חי וקיים', "וימלא כבוד ה' את כל הארץ" - און עס וועלן נאך קומען טעג פון די גאולה שלימה, וואס דאן וועט די גאנצע וועלט זיין פול פון דעם כבוד פון אויבערשטן; ווייל תיכף ווען עס ווערט נגזר די גזירה פון גלות - קומט אויך מיט די ישועה צו וואס מיר וועלן זוכה זיין בקרוב[ט].

## - יט -

**פאר איינער וואס פידט זיך מיט תשובה - איז חודש אב נישט קיין שלעכטער חודש**

דער הייליגער אגרא דכלה זי"ע זאגט: ס'שטייט אין פסוק (עמוס ג, ח): "אריה שאג מי לא יירא" [-אז דער לייב שרייט, ווער האט דען נישט מורא?!], טייטשט ער, אז

---

[ט] וזל"ק (לבין המצרים): בפ' שלח ואולם חי אני כו' וימלא כבוד ה' את כל הארץ. הנ"ל דהנה כל ענין הזה של גזירת המרגלים וטלטול ישראל במדבר הוא מרומז על הגלו' כידוע שמאז נגזרה הגזירה בט"ב לבכי' לדורות. ולכך הנה מיד בתחלת הגזירה הרעה הזאת על הגלות החל הזה הנה נתבשרו מיד על הגאולה והישועה של העתיד ב"ב כי כבר כל הגאולות והישועות מוכנים ועומדים להתגלות במהרה והן הנה אשר ראו הנביאי' בימיהם כאשר התנבאו הטובות על ישראל. וכן דוד משיח צדקנו ראה מיד בעוה"ז כל הגאולות והתגלות כבוד ה' העתיד להיות ב"ב כמש"א לכל תכלה ראיתי קץ ר"ל כי מיד היום ראיתי קץ העתיד לכל תכלה. וע"ז הוא שאמה"כ וראה בטוב ירושלים כל ימי חייך ר"ל מיד תראה בטוב ירושלים העתיד להיות. והנה כן דור המדבר כשהיו במדריגה הגדולה זכו לראות כל הטובות והגאולות העתידות כמו שזכו במ"ת וכל העם רואים את הקולות אך אח"כ נפלו ממדריגה זו זולת משרע"ה שזכה בחלקו כנודע ובאו רק לבחינת שמיעה לבד ולכך אמר להם שמע ישראל כו' ר"ל עכ"פ תהיו בבחי' שמיעה בבירור לכם ה' שהוא עתה אלהינו הוא עתיד להיות ה' אחד כמ"ש ביום ההוא יהי' ה' אחד ושמו אחד כפרש"י ז"ל וזש"א בשעת הגזירה של מרגלים ואולם חי אני כי אחרי כל הגלות הזה עוד חי אני אני הוא ועוד יבואו הימים במהרה אשר ימלא כבוד ה' את כל הארץ. אמן.

'אריה' איז מרמז אויף חודש אב, ווייל דער מזל פון אב איז 'אריה'. און דער פסוק זאגט :"אריה שאג" - אז דער חודש אב שרייט, מיטן ציל צו פארציקן חס ושלום, ווייל דער חודש געהער צו עשיו, און ביידע בתי מקדשות זענען חרוב געווארן אין דעם חודש, דעריבער איז דאס א חודש פון דינים, אבער דער פסוק פירט אוים: "מי לא יירא" – דער וואס פירט זיך מיט תשובה (וואס ווערט אנגערופן 'מי'), דער האט נישט מורא פון דעם אלעם, פארקערט, דורך אים וועט דער חודש צוריקקומען צו די קדושה, און ווערן איבערגעדרייט לששון ולשמחה"[יז].

## - כ -

### דער אויבערשטער וועט אונז טרייסטן

דער הייליגער רבי הערשעלע ליסקער זי"ע זאגט, דער סדר איז אז אויב א קינד טוט שלעכטס פאר זיין חבר, דאן געבט דאס דער חבר איבער פאר יענעמ'ס טאטע, און וויבאלד דער טאטע וויל דאך אויך נישט אז יענער זאל בא'עולה'ט ווערן דורך זיין זון, דעריבער שטראפט ער זיין זון, און אפילו מיט א שטערקערע שטראף ווי יענער וואלט אליין געשטראפט.

---

[יז] וזל"ק (סוף פר' דברים): אריה שאג מי לא יירא (עמוס ג ח). אריה הוא חודש אב שמזלו אריה, (וכן הט' ימים מראש חודש עד התענית יש בהן שעות מנין ארי"ה, עיין מ"ש במקום אחר). והוא שאג לטרוף טרף ח"ו, כי נפל לחלק עשו ופעמיים נגע עד נפש ובעיר הקודש והמחוזות, על כן החודש הלז מלומד ח"ו בכך, ובר ישראל דאית ליה דינא וכו' (תענית כ"ט ע"ב), אבל מ"י לא יירא, דהיינו המתנהג בתשובה הנקרא מ"י כנודע, לא יירא ואדרבא יתוסף מגבול הקדושה על ידו במהרה ויתהפך לששון ולשמחה.

די זעלבע איז מיט די אידן, ווען אידן האבן געזינדיגט, שטראפט מען זיי דוקא אין חודש 'אב', וואס דער אפטייטש פון 'אב' איז 'א טאטע', ווייל מען געבט איבער פארן טאטן אין הימל, אז מיר האבן זיך פארזינדיגט, און ער שטראפט אונז דערויף.

פון דער אנדערער זייט איז אבער דא א ספעציעלע מעלה ווען א טאטע שטראפט זיין קינד, און נישט קיין צווייטער, ווייל א טאטע נאך וואס ער שטראפט זיין זון בארואיגט ער אים, און ער טרייסט אים, צוליב זיין ליבשאפט צו אים.

דעריבער ווען מ'בענטשט ראש חודש אב רופט מען דאס אין מיטן נאמען 'מנחם אב' איז, צו אנדייטן אויף דעם ענין, אז אלע שטראפן קומען פון דעם אויבערשטן וואס איז אונזער 'טאטע' ('אב'), און דעריבער וועט ער אונז זיכער 'מנחם' זיין און אונז טרייסטן[יח].

## - כא -

**דער איינציגסטער וועג צו זיין צופרידן איז זיך צו פרייען מיט די תורה ומצוות!!**

הרה"ק רבי יוסף דוד פון יאס זי"ע [א תלמיד פון רבי משה לייב סאסובער און פונעם רבי פון לובלין זי"ע] שרייבט: דער עיקר און דער שורש פון תורה און עבודה איז צו זיין בשמחה - זיך צו פרייען מיט די מצוות.

---

[יח] וזל"ק (אך פרי תבואה, סוף פר' דברים): הנה עלה בדעתי על הא דאנו מקדשין את החודש א"ב וקורין אותו מנח"ם א"ב, דהנ' י"ל דלכן היה החורבן בחודש א"ב דוקא על דידוע דאם בן א' חוטא נגד חבירו היא מוסר עליו לאביו, ואביו ג"כ אינו רוצה שיהי' איזה עולה לשום א' ע"י, ע"כ עושה לו משפט חרוץ יותר מאשר הי' חבירו עושה לו, וכן גבי ישראל ג"כ הולכין ומוסרין עלהם בחודש א"ב דוקא, אמנם יש מעלה ג"כ בזה וכמו שנא' וכאב את בן ירצה (משלי ג שאח"ז מנחם לבנו ומפייסו ולזה נקרא מנח"ם א"ב ע"ש שהשי"ת בודאי ינחמנו מזה.

חז"ל זאגן (תמיד לב.): 'איזהו עשיר השמח בחלקו', די טיפע כוונה דערפון איז, אז מען פריידט זיך מיט דעם וואס מען איז זוכה צו זיין אין דעם 'חלק' פון השי"ת, און געהערן צו דעם אידישן פאלק, [ווי דער פסוק זאגט (דברים לב, ט): "חלק ה' עמו"], ווייל פאר יעדן עושר פעלט גאר אסאך, ווי חז"ל זאגן (קהלת רבה א, לב), אז דער וואס פארמאגט הונדערט זוז, גלוסט צו האבן צוויי הונדערט, קומט אויס, אז א מענטש איז קיינמאל נישט צופרידן, נאר דער וואס איז א 'שמח בחלקו' - ער פריידט זיך מיט זיין אידישקייט, אים פעלט גארנישט, און נאר ער איז אן אמת'ער עושר, ווייל ווען מען פריידט זיך מיט דעם וואס ער איז א 'חלק' פון השי"ת, ווערט דער 'חלק' באהאפטן אינעם שורש, וואס דאס איז דער אויבערשטער אליין, און ביים אויבערשטן פעלט גארנישט, און דארט איז פארהאן בלויז גוטס, קומט אויס, אז די גרעסטע גליק איז, זיך צו פרייען מיט די תורה און מצוות[יט].

[יט] וזל"ק (דרכי האמונה לשבת חזון): תם עוונך בת ציון. שורש התורה והעבודה הוא השמחה, וכאמרם איזהו עשיר השמח בחלקו. כי אין עני אלא מן הדעת, דעת קנית מה חסרת שהיא בחי' עושר באמת שאינו חסר לנפשו, כי כל מיני עשירות הוא חסר יש לי מנה רוצה מאתים, ועשירות הדעת הוא חסר כלום, מחמת שהוא שמח בחלקו, כי חל'ק ה' עמ'ו ס"ת קוה, קו התקוה, ועי"ז הוא בכח ישמח לב מבקשי ה', ודורשי ה' לא יחסרו כל טוב, וכשזוכה לשמוח בחלקו אזי דבוק החלק בכל, וכד"א תחת אשר לא עבדת וגו' מרוב כ"ל.